בס"ד

## חבר אני לכל אשר יראוך ולשמרי פקודיך

קהל יטב לב ד'סאטמאר
נתייסדה ע"י רבינו הגה"ק מהר"י ט"ב זצוקללה"ה
בשנת תש"ח
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

# להקהל ולעמוד

## מעמבערשיפ קאמפיין - תשע"ב

אן איבערבליק איבער די פארצווייגטע אקטיוויטעטן און סערוויסעס פון דעם ריזן תורה וחסד אימפעריע

## קהל יטב לב ד'סאטמאר, קרית יואל

# על שלשה דברים העולם עומד




## להקהל ולעמוד

מעמבערשיפ קאמפיין - תשע"ב

**מיט'ן אויסצאלן אייער 'דיוס' התחייבות האט איר א חלק אין אלע הייליגע פעולות פון דעם ריזן תורה וחסד אימפעריע**

## קהל יטב לב ד'סאטמאר

קהל יטב לב ד'סאטמאר
קרית יואל יצ"ו

Cong. Yetev Lev D'Satmar
Kiryas Joel

Main Office 16 Garfield Road, Monroe, NY 10950 Tel. (845) 774-4040 Fax. (845) 783-2684


*חמשה עשר בשבט תשע"ב לפ"ק*

## אל מעלת כבוד אלפי חברי קהלתינו הקדושה היקרים שיחיו.

ווי שוין איינגעפירט לאנגע יארן דורך הנהלת קהלתינו הק', ווערט אין די יעצטיגע טעג פון חמשה עשר בשבט הבעל"ט ארויסגעשיקט די יערליכע דיוס [מעמבערשיפ] באלאסטונג צו די טויזנטער חברי הקהלה, כדי צו קענען דעקן די גרויסע הוצאות אויפצוהאלטן דער ריזיגער תורה וחסד אימפעריע "קהל יטב לב ד'סאטמאר, קרית יואל".

עס איז געוויס גענצליך איבריג ארויסצוברענגען די וויכטיגקייט פון זיין אנגעשלאסן אינעם כח הרבים און העלפן אויפהאלטן די אייגענע קהלה, ווי עס ווערט ברייט מבואר אין אלע ספרים הק', באזונדער ווען מ'רעדט פון קהלתינו הק' "קהל יטב לב ד'סאטמאר", אויף וועלכן מרנן רבותינו הקדושים זי"ע האבן גאר ארויפגעלייגט א פליכט און מערערע מאל פערזענליך אויפגעפאדערט אלע אנשי שלומינו צו שפירן פאר א זכי' און אחריות צו זיין אנגעשלאסן און אויפהאלטן דעם גרויסן כח הקדושה למען החזקת הדת עלינו ועל דורותינו עד ביאת הגואל.

## אם אין אני לי מי לי? ווער דען אויב נישט 'איך מעמבער'?

ס'איז פאר קיינעם נישט קיין סוד, אז אם אין קמח אין תורה! אפילו אין געווענליכע צייטן איז אוממעגליך געווען פאר אזא גרויסע קהלה צו קענען אנגיין מיט אירע פארצווייגטע אקטיוויטעטן אָן די מעמבערשיפ געלטער, על אחת כמה וכמה אין די היינטיגע שווערע פינאנציעלע זמנים, וועלכע לייגן אויסטערלישע דרוק אויף די קהל'ישע קאסע און שטערן דעם קריטיש וויכטיגן שוואונג אין צענטראלן קהל'ישן אפיס.

די הנהלת הקהלה פלאגט זיך היינט מיט אן אומגעהויערן שווערן לאסט פון **איבער $1,200,000 אנגעזאמלטע חובות**, וואס שטייט ווי א שטיין אינמיטן וועג וואס שטערט צו קענען פאראויסגיין מיט אלע פונקציעס ווי עס באדארף צו זיין, און נאר מיט'ן פאראייניגטן כח הרבים און הילף פון יעדן איינציגן חבר הקהלה האפן מיר בעז"ה קענען ווייטער אנגיין מיט די ווירטשאפט לתפארת והצלחת קהל עדתינו.

מיר אנערקענען אז ס'איז היינט א שווערע צייט פאר יעדן איינעם. דער עקאנאמישער גרוב האט אריינגעשלעפט גדולים וטובים, און יעדער איינציגער מעמבער שפירט עס אויף די אייגענע הויט, איינער מער און איינער וויניגער. פארט מוז יעדער פונקט אזוי אנערקענען, אז דוקא אין אזא שווערע צייט מוז מען זיך נאכמער אנשטרענגען צו צאלן די דיוס התחייבות אויפצוהאלטן די קהלה, כי הם חיינו, דאס איז אונזער לעבן; "קהל" איז אונזער הארץ און רוקן-ביין פון אלע רוחניות'דיגע אקטיוויטעטן פון וואס מיר געניסן 365 טעג א יאר, ואם אין קמח אין תורה!

עס איז וויכטיג צו נעמען אין באטראכט, אז אין די זעלבע צייט וואס די הוצאות פון קהל זענען אין די לעצטערע יארן דראמאטיש געשטיגן, שטייט שוין לאנגע יארן דער 'דיוס באטראג' אויפ'ן זעלבן מינימאלן ציפער לתועלת הרבים וואס מיר וואלטן זייער נישט געוואלט הייבן, און דערפאר איז נישט מער ווי שכל'דיג און יושר אז כאטש אט די מינימאלע התחייבות זאל יעדער חבר הקהלה צייטליך און פולקאם אויסצאלן, בפרט אין די יעצטיגע שווערע צייטן ווען קהל פלאגט זיך זייער שטארק.

## א קורצע איבערבליק איבער די פאזיטיווע פארשריט

ווי עס איז שוין היינט גוט באקאנט פאר אלע אלפי חברי קהלתינו, איז די הנהלת הקהלה אין די לעצטע יארן אריבער א ווייטגרייכנדע ענדערונג אינעם סיסטעם פון די ווירטשאפט, וואס האט ב"ה אויסערגעווענליך ארויפגעברענגט דעם שטאפל און ניווא פון די סערוויסעס, וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך הנהלת קהלתינו הק'. ווי אויך האט עס געלאזט אין גאנג א מהלך וואס וועט ערמעגליכן בעז"ה, צו קענען פארברייטערן די פילע סערוויסעס פון יעדע איינציגע קהל'ישע פיליאלע, לטובת די טויזנטער חברי קהלתינו.

תלי"ת, האבן א טייל פון די פלענער זיך שוין ב"ה אויסגעארבעט, ווען עטליכע אפטיילונגען פון קהלתינו הק' זענען ווערן אנגעפירט דורך געניטע און איבערגעגעבענע חברי הנהלה וועלכע געבן זיך אוועק יומם ולילה מיט א געוואלדיגער געטריישאפט. אט דער שריט האט ב"ה באוויזן אריינצוברענגען א פרישע חיות אין יעדן איינעם פון די דאזיגע פיליאלעס מיט א פענאמענאלן סוקסעס, צי דאס איז דער "ביהמ"ד הגדול", דער "מפעל קביעות עיתים לתורה שע"י התאחדות אברכים", און אנדערע, דורכדעם וואס די ספעציעלע חברי הנהלה לייגן זיך אריין ראשם ורובם אויפצוארבעטן זייער ספעציפישע אפטיילונג צום העכסטן שטאפל וואס מעגליך.

גלייכצייטיג אבער מוזן מיר אויך מיטטיילן פאר די חברי הקהלה, אז דער פראצעס איז נאכנישט פולקאם פארטיג, און נישט אלע פיליאלעס זענען געווארן פינאנציעל אויף די אייגענע פיס, אזוי אז א באדייטנדע אדער גאר גאנצע טייל פון די גרויסע הוצאות זענען נאך אלץ אויף די צענטראלע קהל'ישע קאסע. ווי איר וועט זען אויסגערעכנט שפעטער אינעם בראשור איז נאך פארבליבן אויף די צענטראלע קאסע - וועלכעס ווערט אויסגעהאלטן בעיקר פונעם יערליכן דיוס באלאסטונג - צב"ש: די הוצאות פונעם "בית הוראה", "מקוה טהרה", און נאך.

להקהל ולעמוד
מעמבערשיפ קאמפיין - תשע"ב

פון די אנדערע זייט איז אונז א פרייד איבערצוגעבן, אז דער פלייסיגער און אימערמידליכער "ועד הפועל" וואס איז אויפגענומען געווארן פאריגן זומער דורך הנהלת קהלתינו הק', האט זיך שוין ב"ה איינגעווארפן מיט'ן גאנצן אייפער אין די אחריות'דיגע און שווערע ארבעט פון אנפירן און אויפארבעטן די טאג טעגליכע ווירטשאפט אין די צענטראלע הנהלת הקהלה. די קאמיטע זיצט יעדע איינציגע וואך און זענען דן בכובד ראש אויף גאר וויכטיגע טעמעס העומדים על הפרק, און האבן שוין ב"ה באוויזן פארשריט אין פאראויסברענגען די וויכטיגע פונקטן וועלכע פארלאנגען זיך צו שטעלן די הנהלת הקהלה אויף די פיס, ואי"ה עוד חזון למועד.

ווי עס איז שוין באקאנט געווארן, האט די הנהלת הקהלה אויך באשלאסן אויפצוארבעטן די פאנדרעיזינג פון די קהלה מעמבערס און אנ"ש, וואס וועט נישט בלויז ארויפברענגען בס"ד די הכנסות, נאר זאגאר ערמעגליכן צו פארבעסערן יעדע סערוויס באזונדער צו א ניווא וואס איז נאך קיינמאל פריער נישט געווען.

ביי דער געלעגנהייט דארף ארויסגעדרוקט ווערן אן הכרת הטוב פאר'ן ברייטן ציבור מיטגלידער, וועלכע טוען זיך אנשטרענגען און זענען נושא בעול מיט צאלן באצייטנס זייער התחייבות. באזונדער קומט זיך צו באדאנקען פאר די טייערע מיטגלידער, וועלכע האבן - טראץ די אייגענע שווערע זמנים - זיך אנגעשטרענגט במשך דעם לעצטן יאר און אויסגעצאלט - אויפאמאל אדער ביסלעכווייז - זייערע אלטע אנגעזאמעלטע באלאנסן פון די ריקשטאנד, וואס דאס האט שטארק ארויסגעהאלפן פאר די הנהלת הקהלה צו קענען רעדוצירן די אנגעזאמעלטע גרויסע חובות פון קהל.

## די הויפט פונקציעס פונעם צענטראלן אפיס

פאלגנד זענען די הויפט פונקציעס, וועלכע זענען צוגעשטעלט און באצאלט געווארן דורך די צענטראלע הנהלת הקהלה אין פארגאנגענעם בודזשעט יאר פון 11' למספרם (תשע"א-תשע"ב), וואס איז באצאלט געווארן דורך די קנאפע $500,000 פונעם 'דיוס' און אנדערע הכנסות, וואס ווערט אנגעפירט און באגלייט דורכ'ן ועד הפועל:

- אויפצוהאלטן דעם צענטראלן אפיס, וואס שטעלט צו די טעגליכע נויטווענדיגקייטן פאר די מערערע קאמיטעען, ווי א באזונדערן אפיס פאר יעדע קאמיטע; א גרויסער קאנפערענץ רום; בוקקיפינג; קאמפיינס; מעילינגס; ועוד כהנה וכהנה צו פארזיכערן אז די ווירטשאפט ווערט געשטעלט אויף די פיס. אגב, אין לעצטן יאר האט מען צוגעלייגט נאך דריי נייע אפיסעס אינעם צענטראלן קהל-אפיס, צוליב דעם וואקסנדן פארלאנג, און עס ווערן שוין אויסגעארבעט פלענער דאס נאכמער צו פארברייטערן, כפי הצורך.
- איבערזיכט אויף אלע קאמיטעען, און שטיין צוהילף צו יעדע קאמיטע מיט אלעם וואס ווערט פארלאנגט (צב"ש: זוכן און אויפנעמען ארבעטער; העלפן באלאנסירן דעם בודזשעט, טאט און ראט וויאזוי אויפצוארבעטן הכנסות, וכדו'; אראנזשירן מיטינגען; נאכגיין אינפארמאציע; וכו').
- צושטעלן מערערע צענטראלע קאסטבארע סערוויסעס וואס איז נוגע פאר אלע חברי הקהלה, ווי פינאנצירן לעגאלע הוצאות; אראנזשירן מסיבות ושמחות בבית רבינו; אויסהאלטן רוחניות'דיגע איינגעשטעלטע; וכדו'.
- ועל כולם איז די אויפגאבע פונעם 'ועד הפועל' צו מאכן זיכער, אז יעדע קאמיטע זאל זיך דעקן אירע הוצאות, און ארויסהעלפן אין פאל פון נויט, לויט ווי עס וועט זיך ערמעגליכן.

## מתן שכרה בצדה: דיסקאונטס און גורלות

גלייכצייטיג איז אונז א פארגעניגן צו קענען מעלדן, אז אויך היי יאר האט הנהלת קהלתינו הק' מצליח געווען צוצושטעלן בעז"ה נאך מער בענעפיטן פאר די טויזנטער מעמבערס דקהלתינו הק', דורך זיך פארבינדן מיט מערערע צענטראלע און וויכטיגע געשעפטן, וועלכע האבן זיך אונטערגענומען צוצושטעלן א ספעציעלן דיסקאונט פאר דעם ריזן ציבור מעמבערס דקהלתינו הק'! וועלכע וועלן קענען דורך דעם "מעמבערשיפ קארטל" געניסן פון "פירותיהם בעולם הזה" און זיך איינשפארן גרויסע געלטער ביים איינקויפן די וויכטיגע געברויכן אין לויף פונעם יאר, וואס באטרעפט אסאך מער ווי די מעמבערשיפ קאסט.

אזוי אויך ווערט היי-יאר נאכאמאל פראקלאמירט א גראנדיעזן גורל "גרענד פרייז - קהלה פעקעדזש" אין ווערד פון ארום $10,000 פאר אלע מעמבערס דקהלתינו הק', וועלכע האבן אויסגעצאלט זייער פולע מעמבערשיפ ביז די באשטימטע צייט פונעם גורל, אדער פאר יעדע $500 אויפ'ן חשבון פונעם באלאנס באקומט איין גורל. באזונדער וועלן פארקומען אין די זעלבע צייט נאך א צאל קלענערע גורלות פאר מערערע געווינער פון צווישן די טויזנטער מעמבערס דקהלתינו.

## להגדיל תורה ולהאדירה

מיר האפן אז דער חשוב'ער ציבור אנשי שלומינו וועלן אנערקענען די שווערע ארבעט און עול וואס ליגט אויף די הנהלת הקהלה איבער'ן גאנצן יאר, און וועלן אצינד שפירן פאר אן אחריות זיך אנצושטרענגען איבער אלע שוועריגקייטן און אויסצאלן צייטליך דעם דיוס התחייבות ווי עס איז דער פליכט אויף יעדן געטרייען מעמבער.

מיט דעם וועלן מיר אלע העלפן אז די קהל'ישע קאסע זאל קענען ארויסקריכן פון דעם שווערן לאך פון די אנגעזאמעלטע און צוריקגעשטעלט ווערן אויף די פיס, וואס וועט ערמעגליכן אז די הייליגע קהלה זאל ווייטער קענען דינען אלס דער לייכט-טורעם פאר די גאנצע שטאט בעמוד התורה, עבודה וגמ"ח ביתר שאת וביתר עוז, און גאר קענען פארברייטערן די רוחניות'דיגע איינריכטונגען, גשמיות'דיגע סערוויסעס און בענעפיטן פאר אלע מיטגלידער, לטובת כל אנ"ש שיחיו.

ויה"ר אז דער גרויסער זכות און סייעתא דשמיא פונעם הייליגן מייסד מרן רבינו הקדוש זי"ע, וועלכער האט געגרינדעט די קהלה ביגיעת כפו מיט אזויפיל בלוט און שוייס, וזכותו הגדול פון ממשיך דרכו מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, וועלכער האט זיך אוועקגעגעבן במסי"נ אפצוהיטן די הייליגע פקדון, זאל אונז ווייטער באגלייטן אויף טריט און שריט, להגדיל תורה ולהאדירה ולהרמת קרן קהלתינו הק', תחת דגלו והדרכתו פונעם מרא דאתרא כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א, ולאורו נסע ונלך עד ביאת הגואל במהרה.

***בכבוד רב, הנהלת הקהלה***

**להקהל ולעמוד**

מעמבערשיפ קאמפיין - תשע"ב

# על פי הגורל!

**לאות הכרת הטוב ווערט צוגעשטעלט רייכע גורלות פאר די אלע מעמבערס וועלכע זענען פולקאם אויסגעצאלט ביז ר"ח ניסן, אדער ווער עס צאלט $500 אויפ'ן באלאנס. דער גורל באשטייט פון א גרענד פרייז, און צענדליגער ווערדפולע קלענערע גורלות.**

(דאס איז אין צוגאב צו די דיסקאונט וואס מ'באקומט א גאנץ יאר)

- יעדער מעמבער וואס איז גענצליך אויסגעצאלט גייט אויטאמאטיש אריין אין אלע גורלות. אויך דער וואס צאלט אויס $500 אויפ'ן חשבון פון זיין ריקשטאנד ביי קהל גייט אריין אין אלע גורלות. פאר יעדע $500 אויפ'ן באלאנס, אריינגערעכנט באצאלן אלטע חובות, גייט מען נאכאמאל אריין אין גורל.
- דער גרענד פרייז וועט זיין אין געווינער פון א גאר ווערדפולן "קהלה פעקעדזש" אין די ווערד פון $10,000, און אויסער דעם גרענד פרייז וועלן זיין נאך צענדליגער גרעסערע און קלענערע געווינער אויף מערערע טייערע סערטיפיקאטן.
- דער גורל וועט זיין איינגעטיילט ווי פאלגנד: אנגעהויבן פון א' תרומה הבעל"ט וועט יעדע וואך אויסגעראפעלט ווערן מערערע ווערדפולע סערטיפיקאטן פאר די וועלכע האבן שוין אויסגעצאלט זייער התחייבות אדער אריינגעצאלט $500 אויפ'ן באלאנס, ביז דער גרענד פרייז וועט געצויגן ווערן אום ב' ניסן, א' פ' צו הבעל"ט, ווען עס וועלן אויך אויסגעראפעלט ווערן די איבריגע גורלות.
- כדי צו קענען דערגרייכן דעם מאקסימום צאל פון אונזערע חשוב'ע מעמבערס וועלן די גורלות אויסגעראפעלט ווערן אין עטליכע גרעסערע בתי מדרשים דקהלתינו הק', ווי פאלגנד: א' תרומה, כ"ו שבט וועט פארקומען די ערשטע סעט גורלות אין ביהמ"ד הגדול; א' תצוה, ג' אדר וועט פארקומען די צווייטע סעט גורלות אין ביהמ"ד בית ברוך; א' תשא, י' אדר, וועט פארקומען די דריטע סעט גורלות אין ביהמ"ד אהל פיגא; א' ויקרא, כ"ד אדר וועט פארקומען די פערטע סעט גורלות אין ביהמ"ד אבני צדק; און א' פ' צו, ב' ניסן וועט אויסגעראפלט ווערן דער גרענד פרייז, ווי אויך די פינפטע און לעצטע סעט גורלות, אין ביהמ"ד הגדול.
- די געווינער וועט מען פארשטענדיגן אויפ'ן טעלעפאן, ווי אויך דורך מעלדונגען אין אלע בתי מדרשים דקהלתינו הק'.
- די גורלות זענען נישט פארבינדן מיט די דיסקאונטס, פון וואס יעדער מעמבער מיט א 0 באלאנס וועט קענען זאפארט געניסן.

קהל יטב לב ד'סאטמאר

להקהל ולעמוד

מעמבערשיפ קאמפיין - תשע"ב

# גרענד פרייז: קהלה פעקעדש

## $10,000 ווערט




להקהל
מעמבערשיפ קא

**ערשטע סעט גורלות:**
**א' תרומה, כ"ו שבט**
אין ביהמ"ד הגדול

**Heritage Silver** קריסטעל ברוינפן סעט • **לאנדא'ס סופערמארקעט - $250** • **יואל גרינפעלד מוזיק - $300** •
**שענדילעיר** KJ Luxery Lighting • **האפמאן'ס אפטיקל - $100** 2 געווינער • **באזאר - $100** 2 געווינער

**צווייטע סעט גורלות:**
**א' תצוה, ג' אדר**
אין ביהמ"ד בית ברוך

**קרויס שטריימל** • **לאנדא'ס סופערמארקעט - $250** • **שלומי'ס - $250** • **שענדילעיר** KJ LLuxery Lighting •
**האפמאן'ס אפטיקל - $100** 2 געווינער • **באזאר - $100** 2 געווינער

**דריטע סעט גורלות:**
**א' תשא, י' אדר**
אין ביהמ"ד אהל פיגא

**סעט בתים** ר' חיים אלי' צוויבל • **לאנדא'ס סופערמארקעט - $250** • **Salko Kitchen - $400** • **האפמאן'ס**
**אפטיקל - $100** 2 געווינער • **$250 דריי-גוד'ס** Spilman's • **באזאר - $100** 2 געווינער

**פערטע סעט גורלות:**
**א' ויקרא, כ"ד אדר**
אין ביהמ"ד אבני צדק

**Exquisite Furniture - $1,000** חתן כלה סעט Exp. 12 month • **לאנדא'ס סופערמארקעט - $250** • **Salko**
**Kitchen - $400** • **שענדילעיר** KJ LLuxery Lighting • **האפמאן'ס אפטיקל - $100** 2 געווינער • **באזאר - $100** 2 געווינער

**פינפטע סעט גורלות:**
**א' פ' צו, ב' ניסן**
אין ביהמ"ד הגדול

## גרענד פרייז - קהלה פעקעדש

**שענדילעיר** Luxery Lighting • **שלומי'ס - $250** • **פעדער גראסערי - $100** • **האפמאן'ס אפטיקל - $100**
2 געווינער • **באזאר - $100** 2 געווינער



# מתן שכרה בצדה דיסקאונטס

אויך היי-יאר האט די הנהלת הקהלה באוויזן - נאך מיט פילע פארבעסערונגען ווי פאריאר - צוצושטעלן דעם גאלדענעם סערוויס פון

## גאר ווערדפולע דיסקאונטס ביי מערערע וויכטיגע געשעפטן




**פאר אלע טויזנטער מעמבערס דקהלתינו הק', וועלכע האבן א 0 באלאנס ביי קהל, קענען געניסן פון "פירותיהם בעולם הזה", און זיך דערמיט איינשפארן גרויסע געלטער ביים איינקויפן פארשידענע וויכטיגע געברויכן במשך דעם יאר**

(דאס איז שוין אויסער די מערערע בענעפיטן וואס יעדער אויסגעצאלטער מעמבער דקהלתינו הק' קריגט מטעם די קהלה)

## אנווייזונגען די דיסקאונטס

- יעדער מעמבער וואס פארמאגט א 0 באלאנס (אריינגערעכנט די התחייבות פונעם יעצטיגן סטעיטמענט) וועט באקומען אויף די פאסט דעם נייעם "מעמבערשיפ קארטל", וואו עס וועט אויף די אונטערשטע זייט זיין אויסגערעכנט א ליסטע פון אלע געשעפטן וועלכע שטעלן צו די ספעציעלע דיסקאונטס - איר קענט זען די ליסטע אויף די פאלגנדע זייט.
- ווען איר גייט אריין אין איינע פון די געשעפטן מאכט זיכער צו האבן מיט זיך דעם קארטל און צייגט עס פאר'ן געשעפטסמאן ביים באצאלן [זייט אויפמערקזאם, די דיסקאונטס קען מען נישט נוצן אויף קיין ארטיקלען וועלכע זענען אויף סעיל].
- א מעמבער וואס צאלט אויס זיין באלאנס שפעטער אין יאר וועט דאן באקומען דעם קארטל אויף די פאסט.
- אויסער דעם באלאנס פון 'דיוס' דארף מען אויך זיין אויסגעצאלט אלע אנדערע התחייבות'ער, ווי די זיצן אין די בתי מדרשים דקהלתינו הק', נדו"נ, אלטע חובות, אד"ג (קמחא דפסחא פון תשע"ב נישט אריינגערעכנט).

# פירותיהן בעולם הזה

**באצאלט אייער פולער התחייבות (0 באלאנס) און געניסט פון די ווערדפולע דיסקאונטס**

- GB - 12%
- סאנדערס פורניטשער - 10%
- Loffler Furniture on all Sofas & Living Rooms
- זינגער'ס קאסטום קלאודינג - 10%
- דוד קליין פיש - 10% Min 20
- וועליו קליענער - 10% Dry Clean Only
- מאנרא העלט-פוד - 10%
- פלאמבינג - 10%
- עלעקטערישן
- הענדימאן - 10%
- עיר-קאנדישאן - 10%
- All in one appliances 10% Exloding major App.
- מענער מלבושים - 10%
- פְּאֵר הוטן - 10%
- ביקעלס דריי גוד
- שניצער שיך - 5%
- הצלחה קאר סערוויס *Books only
- קארפעט - 10%
- בליינדס
- S&L פעינטינג - 10%
- טיילס - 10%
- Check Printing - Business Checks & Envelopes 20%
- רייזמאן בעקערי - 10%
- פארטי רענטעלס (דאנציגער) - 10%
- קאפי סענטער - 10%
- קאמפיוטער - קאפי מאשין - טאנער 10%
- סעלפאונס - 10%
- KJ Floural Design
- בתים ופרשיות - 10%
- Car & Truck Repair 10%
- דורן ספרים 5% - דשודעיקא 10%
- 5% - Upstate Collision
- קרן שמואל ישעי'
- Yossi's Cafe - %10 For Events
- Kitchen Cabinets - %10

## זה נהנה וזה נהנה - מעמבער בענעפיטן

| הלוואות גמ"ח מהרי"ט | הלוואות גמ"ח שבת אחים | אולם עקשטיין | שמות בחנם | שמחות בבתי מדרשים דקהלתינו הק' | זכות קבורה בבית החיים דקהלתינו | זכות לקנות חלקה בבית החיים בקרית יואל |
|---|---|---|---|---|---|---|
| $5000 העכער | $4000 העכער | | | (דארף נישט צאלן עקסטער פאר'ן פלאץ) | (ניו זשוירזי) | |

# להקהל ולעמוד

מעמבערשיפ קאמפיין - תשע"ב

# היכי תמצא?...

**וויאזוי פון $275 - מעמבערשיפ**
(כולל יונגעלייט בלויז $137)

## קענט איר זיך איינשפארן אזויפיל ווי איבער $1,500

דער ענטפער איז: דורך די ווערדפולע דיסקאונטס פון "קהל" אין מערערע געשעפטן צום ביישפיל:

| | |
|---|---|
| **איר קויפט איין מענער מלבושים** (אויסשטאפירן אייער חתן וכדו') **פאר $1,900** | **שפארט איר: $228** |
| **איר פעינט די דירה** (אייער הויז, חתן-כלה דירה וכדו') **פאר $1,500** | **שפארט איר: $150** |
| **איר אינסטאלירט נייע טיילס אין אייער דירה** (חתן-כלה דירה וכדו') **פאר $1,200** | **שפארט איר: $120** |
| **איר אינסטאלירט/פאררכט אייער עיר-קאנדישאן סיסטעם פאר $1,300** | **שפארט איר: $130** |
| **איר קויפט איין דריי-גודס** (פאר אייך און די קינדער וכדו') **פאר $1,100** | **שפארט איר: $110** |
| **איר נעמט אונטער א גרעסערע פלאמבינג דזשאב** (חתן-כלה דירה וכדו') **פאר $600** | **שפארט איר: $60** |
| **איר שטאפירט אויס אייער אפיס מיט קאמפיוטערס א.ד.ג. פאר $1,000** | **שפארט איר: $100** |
| **איר צאלט פאר פלאמבינג איבער'ן יאר $300** | **שפארט איר: $30** |
| **איר קויפט איין איבער'ן יאר:** שיך, בליינדס, בלומען, סעלפאון, וויטאמינען, קלינערס א.א.וו. **פאר $2,200** | **שפארט איר: $220** |
| **איר צאלט איבער'ן יאר פאר פיש לכבוד שבת ויו"ט $2,500** | **שפארט איר: $250** |
| **איר גיבט אויס פאר קאר סערוויסעס $800** | **שפארט איר: $80** |
| **איר קויפט איין ספרים, פורניטשער א.ד.ג. פאר $1,200** | **שפארט איר: $120** |

**סך הכל קענט איר זיך רואיג שפארן א יאר - דורך אייער מעמבערשיפ אפצאל - דעם סכום פון: $1,598 (און נאך אסאך מער)**



להקהל ולעמוד
מעמבערשיפ קאמפיין - תשע"ב

# פינאנציעלע דין וחשבון

## לשנת תשע"א/תשע"ב ('11 למספרם)

## הוצאות




## הכנסות




### הוצאות:

| | |
|---|---|
| בית הוראה | $111,000 |
| מקוה טהרה<br>(חוץ די הוצאות והכנסות אויף בדק הבית קאסטן וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט פון חשוב'ע נדבנים דורך די "ועד המקוה") | $88,180 |
| מצה בעקערי | $100,000 |
| קמחא דפסחא | $89,000 |
| רוחניות'דיגע איינגעשטעלטע | $215,000 |
| וועד משמרת חומותינו | $11,500 |
| קהל'ישע אפיסעס<br>(איינגעשטעלטע, פאנדרעיזינג, קאמפיינס, פרינטינג, מעילינג, אפיס סופלייס א.ד.ג.) | $195,165 |
| אינשורענס<br>(פאר די פאלגנדע בנינים: ביהמ"ד אבני צדק, ביהמ"ד בית ברוך, ביהמ"ד בית מרדכי, בנין הכולל) | $38,835 |
| לעגאלע הוצאות | $7,600 |
| **סך הכל הוצאות:** | **$856,280** |

### הכנסות:

| | |
|---|---|
| מעמבערשיפ | $432,000 |
| מצה בעקעריי | $167,500 |
| קמחא דפסחא | $59,800 |
| זייטיגע הכנסות | $100,000 |
| **סך הכל הכנסות:** | **$759,300** |

## דעפיציט $96,980

דורכדעם וואס 'אלע' מיטגלידער וועלן זיך אנשטרענגען
אויסצוצאלן צייטליך די פולע 'דיוס' התחייבות,
ווי אויך די פריערדיגע באלאנסן, קען מען בעז"ה דעקן דעם
דעפיציט און פארמיידן צוקונפטיגע לעכער

להקהל ולעמוד
מעמבערשיפ קאמפיין - תשע"ב

# יש שכר לפעלתך

די אומצאליגע פעולות לתורה ולתעודה
פון **קהל יטב לב ד'סאטמאר**

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ביהמ"ד הגדול | ביהמ"ד אבני צדק | ביהמ"ד ישמח משה | ביהמ"ד אהל פיגא | ביהמ"ד בית ברוך | ביהמ"ד בית מרדכי | ביהמ"ד ברך משה | ביהמ"ד ויואל משה |
| ביהמ"ד בית דוב | ביהמ"ד דברי חיים | בית שמואל בנימין | ביהמ"ד עטרת זקנים | ביהמ"ד קדושת יו"ט | מבצר הכוללים | קביעות עתים לתורה | מורא מקדש |
| מקוה טהרה | גמ"ח מהרי"ט | ביד"ץ קרית יואל | וועד הכשרות | מסיבות ושמחות | גמ"ח מנחם זאב | בית הוראה | ועד משמרת חומותינו |
| בית נאמן בישראל | חתונה תקנות | חברה קנין ספרים | השבת אבידה | חברה קדישא - בתי חיים | צענטראלע אפיס | מצה בעקעריי | קמחה דפסחא |

דאס אלעס און נאך ווערט באגלייט און
אינטער געהאלטן דורך אייער דיוס

# זכות הרבים תלוי בך!

הקולמוס | 845.425.6566

קהל יטב לב ד'סאטמאר - קרית יואל
**Cong. Yetev Lev D'satmar - Kiryas Joel**
16 Garfield Rd.
Monroe, NY 10950

NON PROFIT ORG
US POSTAGE
**PAID**
PERMIT 70
MONSEY NY